**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## אויב איר האט דאס נאכנישט געלייענט: BUFFALO NEWS ארטיקל: גאן געזעצן און א נארמאלערע קולטור האלטן די סטעיט זיכערער פון די בלוטיגע טעקסאס

היינט האט די Buffalo News פארעפנטליכט א מיינונג ארטיקל איבער גאן פארברעכן און איבער וויאזוי גאווערנאר האקול האט פארשטערקערט ניו יארק'ס גאן געזעצן. די פולע ארטיקל איז געדרוקט דא אונטן, און עס קען אויך געלייענט ווערן אויף די אינטערנעט דא.

*אויב איז דאס וואר אז די באשלוסן וואס מיר מאכן באשטימען ווער מיר זענען – און אויב מיר פארשטייען אויך אז שטיין מיט פארלייגטע הענט איז אויך א באשלוס – ווייזט א לעצטיגע נייעס געשיכטע אז איינוואוינער פון די סטעיט האבן א סיבה צו זיין דאנקבאר אז זיי וואוינען דא און נישט אין די באוואפנטע לאגער וואס רופט זיך טעקסאס.*

*ביידע סטעיטס זענען אריבער שרעקליכע טראגעדיעס לעצטע יאר. אין באפעלאו זענען 10 טונקל-הויטיגע איינוואוינער ערמארדעט געווארן דורך א ראסיסטישער יוגענטליכער, און בלויז צען טעג דערנאך אין יוואַלדי, טעקסאס, האט אן אנדערער יוגענטליכער אויסגעקוילעט 19 עלעמענטערי שולע קינדער און צוויי לערער. ביידע רוצחים האבן זיך באנוצט מיט עי. אר. 15-סטיל ביקסן — די ליבערשטע וואפן פון אמעריקאנע מאסן מערדער.*

*אין ניו יארק איז די אנטווארט געקומען שנעלערהייט. גאווערנאר קעטי האקול און סטעיט געזעצגעבער האבן געזעהן די שוואכקייטן אין די סטעיט'ס גאן געזעצן, און זיי האבן אונטערגענומען שריט זיי צו שטרענגער מאכן. צווישן די געזעצן איז געווען ניו יארק'ס 'רויטע פאן געזעץ' וואס — וואלט עס ווען גענוצט געווארן קעגן דעם שיסער וואלט עס מעגליך פארמיטן א שוידערליכע טראגעדיע.*

*אריבער אין טעקסאס, קוקט עס אויס אז די בלוט פארגאס און די געוויין פון א גאנצע קאמיוניטי מאכן נישט אויס קיין כי הוא זה — זיכער נישט אפיציעל. נישט נאר האט די סטעיט רעגירונג דארט באשלאסן גארנישט צו טוהן אין אנטווארט צו די מענטשליכע טראגעדיע, נאר איר גאווערנער איז זאגאר ארויס פון וועג צו פייערן נישט בלויז ביקסן, נאר אויך א מערדער פון אן אנדערע חלק פון די סטעיט.*

*דאס האט גארנישט צו טוהן מיט די 'צווייטע אמענדמענט' פון די קאנסטיטוציע, די פארנעפלטע באשיצונג פון הייסע געווער. עס איז דאך נישט שטערקער פון די ערשטע אמענדמענט. רעכטן האבן גרעניצן, זיי זענען נישט אייביג אזוי קלאר, און עס קענען צומאל זיין מערערע וועגן וויאזוי זיי צו אויסטייטשן, אבער די גרעניצן עקזיסטירן, אפגעזעהן פון די קוועטשערייען פון די 'אבסאלוטיסטן'.*

*מיט וואס האט עס יא צו טוהן? עס האט צו טוהן מיט וואס באקומט דין קדימה: די זיכערהייט פון די פובליקום אדער די רעכט צו האבן סיי וועלכע סארט וואפן אין באזיץ; קינדער'ס לעבנס אדער די רעכט צו ארומטראגן הייסע געווער וואס זענען געבויט פאר מאסן מארד. אין ניו יארק איז דא א רצון צו ארייננעמען*

די פאקטן אין באטראכט, בשעת אין טעקסאס איז דא אן עקשנות'דיגע נייגונג צו איגנארירן די פאקטן, אפגעזעהן פון וויפיל בלוט עס ווערט פארגאסן אדער ווי יונג די קורבנות זענען.

גאן געזעצן מאכן א חילוק. צוזאמען מיט א מער מיושב'דיגע קולטור, העלפן ניו יארק'ס געזעצן איר צו מאכן פאר א פיל זיכערערע סטעיט פון טעקסאס, ווי דייטליכע ציפערן פון די 'צענטער פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג' (די סי. די. סי.) דאקומענטירן. אין 2021 – די לעצטע יאר פון וועלכע עס זענען דא עפנטליכע ציפערן – איז ניו יארק'ס ראטע פון טויטפעלער דורך הייסע געווער געשטאנען אויף 5.4 פער 100,000. די ראטע אין טעקסאס איז נאענט צו טריפל פון ניו יארק'ס, שטייענדיג אויף 15.6 פער 100,000. אויף אן ענליכן פארנעם איז ניו יארק'ס מארד ראטע געשטאנען אויף 4.8 פער 100,000 בשעת די טעקסאס ראטע איז געווען כמעט טאפלט מיט 8.2 פער 100,000. די ציפערן דערציילן א געשיכטע. די ערשיינונג פון מענטשן וואס ביקן זיך צו ביקסן זאגט פאַר טויט.

און אין טעקסאס איז דאס א קולטורישע פראבלעם, ווי איר לייכטזיניגער גאווערנער מאכט דאס היבש קלאר. א דזשורי אין די שטאט אוסטין האט געפונען א מענטש שולדיג אין די מארד פון א באוואפנטער מאן (עס איז רעדט זיך דאך פון טעקסאס...) וואס האט פראטעסטירט קעגן פאליציי ברוטאליטעט. אבער אזוי שטארק איז די סטעיט'ס געטריישאפט צו די 'גאן קולטור' – און איר פיינטשאפט פון פראטעסטן – אז גאווערנאר גרעג עבאט וויל אים שענקן א באגנאדיגונג. איר קענט דאס אנקוקן ווי נאך א באוויז פון די לאנד'ס וואקסנדע פראבלעם מיט גייסטישע געזונטהייט.

שטיצע פאר שכל'דיגע גאן געזעצן שפרייט זיך אריבער פאליטישע ליניעס. אפילו פילע גאן אייגנטימער פארשטייען די נויט פון לעגיטימע קאנטראל מאסנאמען. די קאטעגארישע קעגנשאפט צו אזעלכע מאסנאמען קומט הויפטזעכליך פון די עקסטרעמע רעכטע, אפטערהייט אונטער די ראמאנטישע מאסקע פון באשיצן דאס לאנד פון אן אויסגעדמיונ'טע געפאר פון אן אטאקע דורך זייער אייגענע רעגירונג.

עס האט זיך נישט אזוי אויסגעשפילט אום יאנואר 6, 2021. אויף יענעם טאג זענען דאס געווען מיטגלידער פון די עקסטרעמע רעכט, טייל פון זיי באוואפנט, וועלכע האבן מיט געוואלדטאטן געזוכט צו איבערדרייען יושר'דיגע וואלן צו די זייט פון א באזיגטער פרעזידענט וואס האט שוין אליין געהאט ארויסגעוויזן זיין פאראכט פאר די קאנסטיטוציע. אלזא טייל פון די ווירדע פון גאן געזעצן איז צו באשיצן אנשטענדיגע אמעריקאנער פון עקסטרעמיסטן וועלכע האבן צו גרינגע צוטריט צו אזעלכע וואפן.

קיין איין סטעיט'ס גאן קאנטראל געזעצן זענען נישט פריי פון פעלער, אזוי ווי די מאי 14 מארד ביי די טאַפּס גראסערי אויף דזשעפערסאן עווניו האט געוויזן. אבער קיין איין סטעיט'ס געזעצן קעגן מארד זענען פונקט אזוי נישט פריי פון פעלער. מען טוט וואס מען קען.

עס וואלט אודאי געווען פיל מער עפעקטיוו אויב וואשינגטאן וואלט אונטערגענומען שריט. אפילו מיט ווירקזאמע סטעיט געזעצן איז עס צו גרינג צו אריינברענגען וואפנס פון סטעיטס וועלכע בענעפיטירן פון די 'גאן קולטור'. ווידעראמעל דאקומענטירן די ציפערן די נויט. אזויווי healthdata.org ווייזט, איז די פאראייניגטע שטאטן אן אויסנאם ווען עס קומט צו וואפן פארברעכן, זייענדיג די העכסטע אויף די ליסטע פון פארגעשריטענע לענדער און טעריטאריעס מיט באפעלקערונגען פון צום וויניגסטנס 10 מיליאן מענטשן. און עס איז די העכסטע מיט אסאך: די לאנד'ס ראטע פון 4.12 וואפן מערדערייען פער 100,000 מענטשן איז מער פון טאפלט פון די ראטע אין טשילע וואס געפונט זיך אין די צווייטע פלאץ נאך די פאראייניגטע שטאטן מיט 1.82 פער 100,000. די ראטע אין קאנאדע איז 0.5 פער 100,000; אין די יונייטעד קינגדאם איז עס 0.04.

דאס איז ערגער פון בושות. עס איז א הארבע פארנאכלעסיגונג – שטיין מיט פארלייגטע הענט זעהענדיג די פאקטן וואס הרג'ענען אמעריקאנער. שוין היי יאר אליין באריכטעט די 'גאן פארברעכן ארכיוו' 243 מאסן

*שיסערייען – דאס איז אומגעפער 1.7 פער טאג – און 23 מאסן מערדערייען, אדער עטוואס העכער פון איינס פער וואך.*

*דאס איז א שרעקליכע רעקארד פון געוואלדטאטן און פון פעדעראלע גלייכגילטיגקייט. אבער עס גיבט א גוטע סיבה צו וואוינען אין ניו יארק.*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418